ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

תשפ"ד

331

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי לַאנְג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זי״ע גֶעלֶעבְּט פוּן מִילְךְ אוּן הָאנִיג?.....א
וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְכַבֵּד עֶלְטֶערְן, וָואס רַייסְן אַרָאפּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?...........ג
וִוי אַזוֹי לֶעבְּט מֶען אַ ״גַן עֵדֶן לֶעבְּן״ אוֹיף דִי וֶועלְט?.................................ד
וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס דִי יְסוּרִים וָואס אִיךְ לַייד פוּן מַיין וַוייבּ?.......................ו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת טִישׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶער ..........................א
הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת...............................................................ג
פַארְלַאנְג דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִי תַּלְמִידוֹת ׳בֵּית פֵיגָא׳ ..........................ג
וָואס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֶלֶת?........................................ה
הוֹיזְן פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיז פְּרִיצוּת..............................................ה
פוּן מַחֲלֹקֶת לַיידְן אַלֶע .........................................................ו
זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ..............................ז
דְרֵיי הַנְהָגוֹת צוּ טוּן אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי״ם.............................ח
עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ פַארְלֵייגְן דַוְקָא אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ ..............ט
אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי״ם, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִים ....................................י
אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה .................. יא
אַז מֶען וִויל הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, מוּז מֶען גֵיין אִין שׁוּל ....................יב
עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט............. יג

עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט נִישְׁט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד ................................ יד

אַ פְּרוֹי דַארְף נָאר אַז אִיר מַאן זָאל רֶעדְן שֵׁיין, אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין ..... יד

שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, שְׁוֶוערֶע תִּיקוּנִים אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג .............. טו

קֶענְסְט אַזוֹיפִיל קוֹנֶה זַיין אִין יְשִׁיבָה ................................ טז

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיפְן אָרֶעמַאן, נֶעם דִי צְדָקָה גֶעלְט פוּן אִים .............. טז

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה .............. יז

פַארְוָואס זָאל אִיךְ מְוַתֵּר זַיין, אֶפְשָׁר זָאל מַיין וַוייבּ מְוַתֵּר זַיין? .............. יח

הַדְרָכָה פַאר דִי חֲתוּנָה ................................ יט

גֶעדֶענְק וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, גֶעדֶענְק וָואס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז .............. כ

בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ; דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן .............. כא

וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים קוּמְט נִיסִים ................................ כא

גֵיי הֲפָצָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא .............. כב

אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ מְסוּדָר'דִיגֶע שְׁטוּבּ .............. כג

מֶען טָאר נִישְׁט נוּצְן דִי מוֹסָד פַאר אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת .............. כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי לַאנְג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זי״ע גֶעלֶעבְּט פוּן מִילְךְ אוּן הָאנִיג?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט עֶטְלִיכֶע מָאל וִוי דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט פוּן מִילְךְ אוּן הָאנִיג וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען בְּדֶרֶךְ נֵס פוּן זַיינֶע צֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וואו עֶס אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן פַאר וִויפִיל צַייט אִיז דָאס אָנְגֶעגַאנְגֶען?

אִיךְ דַארְף זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיר גֶעבְּן אֱמוּנַת צַדִיקִים, וֶוען נִישְׁט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - וָואלְט מִיר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי מַעֲשִׂיוֹת, נָאר אִיךְ טְרָאסְט דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייל אִיךְ זֶע וָואס אִיךְ בַּאקוּם אִין דִי הַאנְט.

יֶעדְן מֶענְטְשׁ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע נַאטוּרְן, אִיךְ הָאבּ אַ נַאטוּר פוּן נִישְׁט טְרָאסְטְן, נָאר דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה טְרָאסְט אִיךְ וַוייל אִיךְ זֶע וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, אִיךְ זֶע מַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מַיין לֶערְנֶען, מַיין הוֹיז, מַיין גֶעלְט, מַיין בִּיזְנֶעס, אַלֶעס וָואס מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ בְּזֶה הָעוֹלָם הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דָא בַּיים ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן וָואס גֶעשֶׁעט מִיט דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוען מֶען לֶערְנְט עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואלְט קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ וָואךְ פוּן דוּרְכְלֶערְנֶען דֶעם קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל, דִי שָׁלוֹם בַּיִת הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן גְלַאנְצְן, מֶען אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, מֶען אִיז גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַז עֶס אִיז דָא אִינְדְרוֹיסְן

אַ װעלְט מִיט פַאלְשֶׁע גֶעמַאכְטֶע תַּעֲנוּגִים בִּשְׁעַת דִי עֶכְטֶע תַּעֲנוּגִים אִיז בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ מֵיין נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוֹיפְוַוייזְן אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֱמֶת, אִיךְ מֵיין נָאר צוּ פְרֶעגְן וַוייל אִיךְ הָאב לִיב דִי לָשׁוֹן ווי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים דֶערְצֵיילְן פְּלָאִים'דִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. מַיין גַאנְצֶע אֱמוּנַת צַדִיקִים אִיז נָאר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וֶוען נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א װֶער וֵוייסְט וואוּ דִי נַארִישֶׁע חָכְמוֹת וָואלְטְן מִיךְ פַארְפִירְט, נָאר אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאב אִיךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אֶנְצוּנֶעמֶען דִי רֵייד פוּן צַדִיקִים, אִיךְ פְלֶעג הָאבְן חֲבֵרִים וָואס הָאבְן גֶערֶעדְט פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים אַזוֹי ווי מֶען וָואלְט גֶערֶעדְט פוּן לֵיידִיגְגֵייעֶרְס אוּן גַאסְן יוּנְגֶען, נֶעבֶּעךְ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (הֵיכַל הַבְּרָכָה, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן) אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, אֵיין מָאל אִיז אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע טֶעג וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן גָארְנִישְׁט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינֶעם גַאנְצְן גֶעגְנְט אֵיינֶער וָואס זָאל זַיין וֶוערְד צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, "אַף שֶׁהָיָה שָׁם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים הַרְבֵּה, לֹא הָיוּ רְאוּיִין לְמִצְוָה זֹאת, שֶׁיִּשְׁלַח לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דוֹרֹן כָּזֶה כַּמְבוֹאָר בַּזֹּהַר", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן דָארְט אָבֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען מְחַיֶּ' זַיין רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. "וּבָרָא לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שְׁנֵי דַּדִּין בְּפִיו, אֶחָד הוֹצִיא דְּבַשׁ וְאֶחָד הוֹצִיא חָלָב, וּשְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים הָיָה נִזּוֹן מִזֶּה הַדְּבַשׁ וְחָלָב שֶׁהָיָה יוֹנֵק מִן הַדַּדִּין שֶׁבְּפִיו", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶס אִיז אִים גֶעקוּמֶען מִילְךְ אוּן הָאנִיג פוּן דִי צֵיינֶער, אוּן פַאר דְרֵיי חֳדָשִׁים הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי מִילְךְ אוּן הָאנִיג, עַיֵּין שָׁם.

מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק קַיין סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

פְלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וָוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְכַבֵּד עֶלְטֶערְן, וָואס רַייסְן אַרָאפּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אַ שְׁטִיקְל שַׁייכוּת מִיט אֵיינֶעם פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יְרַחֵם, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים אַז טְרָאץ אַלֶע שְׁוועריקֵייט, מוּז עֶר נָאכְאַלְץ שֶׁעצְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן. פְרֶעגְט עֶר מִיךְ: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שֶׁעצְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט אַלֶע יָארְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן אַוֶועקְגֶעמַאכְט מַיין מַאמֶע, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, דִי מַאמֶע אוֹיפְן טַאטְן; אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעהֶערְט חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף בֵּיידֶע זַייטְן, קֶען אִיךְ זֵיי אָנְהוֹיבְּן מַעֲרִיךְ זַיין אוּן שֶׁעצְן?" אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער עֶס גֵייט נָאכְנִישְׁט אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן, וָואס דַארְף אִיךְ אִים זָאגְן אוּן וָואס קֶען אִיךְ אִים זָאגְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע נִישְׁט וַוייל דִי גֶעפִיל זָאגְט אַזוֹי אוּן

עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק, נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן; נִישְׁט קֵיין חִילוּק אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אָדֶער נִישְׁט, מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, אוּן אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן - אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה. אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרֵיי שֻׁתָּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי וְוי אִיר זֶענְט מִיךְ מְכַבֵּד".

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד אוּן הֵיילִיגְקֵייט. מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וְוי הֵיילִיג עֶלְטֶערְן זֶענֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים - זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע הֵיילִיגְקֵייט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שָׁם לא:) דֶער הֵיילִיגֶער רַב יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען וֶוען זַיין מַאמֶע קוּמְט אַרַיין, עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר גוּט גֶעהֶערְט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן דִי פוּסְטְרִיט פוּן זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט שִׂמְחָה: "אֵיקוּם מִקַּמֵּי שְׁכִינָה דְאָתְיָא", לָאמִיר זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר דִי שְׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וְוי אַזוֹי לֶעבְּט מֶען אַ "גַן עֵדֶן לֶעבְּן" אוֹיף דִי וֶועלְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט אַלְץ, אִיךְ הֶער שׁוֹין אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דִי אִידִישֶׁע נִגּוּנֵי אֱמוּנָה פַאר מֶער פוּן צֶען יָאר, בְּעִיקָר דִי אִידִישֶׁע נִיגוּנִים אִיז וָואס הַאלְט מִיר מַמָּשׁ אָן פַאר דִי אַלֶע יָארְן.

אִיךְ קֶען נִשְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאב הַיינְט גֶעהַאט, אִיךְ הָאב גֶעטְרָאגְן מַיין צְווֵיי יָערִיג אִינְגֶעלֶע אִין פְלֶעיגְרוּפּ, אִיךְ הָאב אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן פַּארְקִינְג, אוּן אִיךְ הָאב זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט עֶטְלִיכֶע מָאל דִי גַאס, מַיין אִינְגְל הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס מֶען גֵייט נָאכְנִישְׁט אַרַיין אוּן אִיךְ הָאב גֶעזָאגְט אַז אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט קַיין פַּארְקִינְג, זָאג עֶר מִיר צוּרִיק: "טַאטִי הָאסְט פַארְגֶעסְן? לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" אוּן עֶר הוֹיבְט גְלַייךְ אָן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מֶען זָאל טְרֶעפְן פַּארְקִינְג", אוּן גְלַייךְ דֶעמָאלְט אִיז לֵיידִיג גֶעוָוארְן אַ פְּלַאץ צוּ פַּארְקְן.

שְׁפֶּעטֶער אִין טָאג אִינְדֶערְהֵיים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען עֶפֶּעס עֶנְלִיכְס, אוּן עֶר זָאגְט גְלַייךְ: "לָאמִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מַיין וַוייבּ לֵיינְט דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוו, אוּן זִי בַּאקְט עֶס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאב נָאר גֶעוָואלְט לָאזְן וויסְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים, אוּן בְּרִיוו, אִיז דָא אַ מִשְׁפָּחָה וָואס לֶעבְט בֶּאֱמֶת אִין גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹיבּ אַזוֹי אַז דַיין לֶעבְן אִיז ׳גַן עֵדֶן׳, דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה לֶעבְט אִין ׳גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן׳ - זָאלְסְטוּ אַרַיינְשְׁלֶעפְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אִין גַן עֵדֶן, זָאלְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע; דָאס אִיז דִי סִימָן אַז מֶען לֶעבְט אַ גוּטֶע לֶעבְן, אַז מֶען הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ הָאבְן דִי לֶעבְן.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט** (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס)**, דֶעם צְוֵוייטְן טָאג אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר דִי חָתָן כַּלָּה פוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים, אַז אֵיינְמָאל הָאבְּן זִיךְ מֶענְטְשְׁן בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר חַיִּים טוֹבִים, הָאט דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער זֵיי גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ אִיר לֶעבְט אַ חַיִּים טוֹבִים, פַארְוָואס הֶעלְפְט אִיר נִישְׁט דִי מְדִינָה וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם שֵׁיינֶעם גָארְטְן אוּן דֶער גְרָאדְנִיק (גַארְדְנֶער) אִיז פַארְלוֹירְן אוּן קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיפְן גָארְטְן, אוּן אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר אוּן**

**חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם שֵׁיינֶעם גָארְטְן, אִיז אוֹיבּ אִיר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְ׳זְשֶׁע דִי מְדִינָה", אוּן דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וֶועט אִיר זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן וֶועט עֶנְקֶער חַיִּים טוֹבִים אוֹיךְ קַאלְיֶע וֶוערְן"; וַוייל נָאר דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה - דִי בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן מִיט אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן דִי אַלֶע וָואס בַּארִימֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר חַיִּים טוֹבִים אָבֶּער זֵיי טוּעֶן נִישְׁט פַּאר אַנְדֶערֶע, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים - פַּארְלִירְן זֵיי אַלֶעס.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס דִי יְסוּרִים וָואס אִיךְ לַייד פוּן מַיין וַוייבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן וָואס אִיךְ קֶען נָאר, סַיי צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, סַיי צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן וָואס אִיז מִיר נִישְׁט פַארֶענְטְפֶערְט, אִין אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז זַאכְן זָאלְן זִיךְ טוּישְׁן.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת מִיט דִי פְּרָטִים, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיךְ פַארְשְׁטֵיין אוּן מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן.

גְלַייךְ נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, נָאךְ אִינְמִיטְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, הָאט מַיין וַוייבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַז דִי שִׁידוּךְ הָאט מֶען אִיר אַרַיינְגֶענַארְט, מֶען הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין סַאךְ פְּרָטִים פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אוּן זִי וִויל אַוֶועקְגֵיין. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין וְוִיפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט, אָבֶּער זִי הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי אִיר'ס.

לְמַעֲשֶׂה הָאט מַיין שְׁוִויגֶער פַּארְגֶעשְׁלָאגְן אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְמוּפְן צוּ זֵיי, אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעווֹאוֹינְט פַּאר אַ הַאלְבּ יָאר, זִי הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעכְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע חַבֵר וָואס

אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ מִיר סַיי פוּן יְשִׁיבָה אָדֶער פוּן כּוֹלֵל הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט זֵיי פַּיינְט, אָן קַיין שׁוּם סִיבָּה, אוּן זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג קוּקְן אוֹיף מַיין טֶעלֶעפָאן אוֹיב אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אֵיינֶעם פוּן זֵיי, אוּן אוֹיב יָא פְלֶעגְט זִי שְׁרֵייעֶן, אוּן דָאס גֵייט נָאךְ אָן בִּיז הַיינְט, אוּן אַזוֹי הָאט אִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּ אִיבֶּער צְוָואנְצִיג נָאנְטֶע חֲבֵרִים, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְרֶעגְן.

יֶעדֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט טוּן פַאר פַּרְנָסָה הָאט זִי נִישְׁט גֶעלָאזְט מִיךְ נֶעמֶען, יֶעדֶעס מָאל פַאר אַן אַנְדֶערֶע אוֹיסְרֵייד, בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן גֶענוּמֶען אַ דְזָשַׁאבּ צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, הָאט זִי יֶעדֶע וָואךְ בַּיים אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְט פַארְפִירְט אַז אוֹיב אִיךְ אַרְבֶּעט דַארְף אִיךְ מַאכְן מֶער גֶעלְט אוּן עֶס אִיז אִיר נִישְׁט גֶענוּג. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען דִי דְרוּק אוּן גֶעזוּכְט אַן אַנְדֶערֶע דְזָשַׁאבּ, אוּן דָארְט הָאט זִי וַוייטֶער פַארְפִירְט, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אָן יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין הַיינְט צְוֵויי זַייטִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ פַארְדִין מֶער וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיז זִי נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּפְרִידְן, אוּן זִי נֶעמְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן קוֹיפְט זִיךְ וָואס זִי ווִיל, אָבֶּער אוֹיב קוֹיף אִיךְ עֶפֶּעס פַאר מִיר שְׁרֵייט זִי אַז אִיךְ עֶס אִיר אוֹיף דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

אִיךְ גֵיי מַאכְן בַּר מִצְוָה פַאר מַיין עֶלְטְסְטֶע זוּן, אוּן זִי ווִיל דַוְקָא נֶעמֶען אַ טֵייעֶרֶע זַאל, מַמָשׁ וִוי אַ חֲתוּנָה, אוּן צָאלְן פַאר אַ פַּארְטִי-פְּלֶענֶער אוּן רוּפְן דִי גַאנְצֶע אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה. אוֹיב בֶּעט אִיךְ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז אִיךְ קֶען עֶס פָּשׁוּט נִישְׁט בַּאצָאלְן, שְׁרֵייט זִי אוֹיף מִיר.

זִי הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם מִיךְ צוּ פַארְשֶׁעמֶען אִין פָארְנְט פוּן אִיר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן זִי פִילְט זִיךְ זֵייעֶר גוּט צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אִין פָארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע.

זִי לָאזְט מִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוֹיב אִיךְ ווִיל זֵיי אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער שְׁרֵייט זִי אַז עֶס גֵייט מַאכְן אַ חוּרְבָּן וַוייל עֶס גֵייט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן, אוּן אוֹיב אִיךְ ווִיל זֵיי דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה זָאגְט זִי אַז מֶען קֶען נִישְׁט וַוייל זֵיי דַארְפְן שׁוֹין שְׁלָאפְן, אוּן אוֹיב אִיךְ פְרֶעג זֵיי אוֹיס וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר זָאגְט זִי אַז אִיךְ דַארְף טְרָאסְטְן דִי חֵדֶר אוּן נִישְׁט מַאכְן מְשׁוּגָע.

בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה וָואס אֵיינֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה מַאכְט, מוּז זִי שִׁיקְן שֵׁיינֶע אוּן טֵייעֶרֶע קֶעיקְס, אוּן אִיךְ דַארְף זַיין פַארְנוּמֶען עֶס אַיינְצוּקוֹיפְן אוּן בַּאצָאלְן אוּן עֶס שִׁיקְן צוּ יֶענֶעם. אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי הוֹיז אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶועט זִי עֶנְדֶערְשׁ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט שִׁיקְן יֶענֶעם דִי מִינִיטְשׁוּרְס.

זי הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן אַז זִי אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן זִי מוּז פָארְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אָבֶּער וֶוען אִיךְ צָאל גֶעלְט פַאר אַ וַואקַאצְיֶע אִיז זִי קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן אוּן זִי הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין אָפְּרֶעדְן אַ גַאנְצְן צַייט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט צוּ וַואקַאצְיֶע אוּן עֶס אִיז אִיר בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע קוּמֶען.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, וֶועט זִי אַלְץ זָאגְן אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזְל אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס אִיךְ טוּ אִיז עֶס אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט, אוּן אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט.

זִי לָאזְט מִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שׁוּם מְסִיבּוֹת אָדֶער שִׂמְחוֹת פוּן חֲבֵרִים אָדֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶעס מָאל וֶועט זִי טְרֶעפְן אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה פַארְוָואס זִי וֶועט מִיךְ נִישְׁט לָאזְן גֵיין, אִיךְ פִיל זִיךְ מַמָּשׁ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אִין דִי צַייט וָואס זִי גֵייט יֶעדֶע צְוֵוייטֶע נַאכְט אַרוֹיס צוּ שִׂמְחוֹת אָדֶער פַּארְטִיס.

בִּכְלַל אִיז אַלְץ דִי אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן וָואס אִיךְ טוּ צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק - הֶעלְפְט נִישְׁט, זִי אִיז מִיר אַ גַאנְצְן צַייט חוֹשֵׁד אוֹיף אַלֶע סָארְט עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אָן קַיין שׁוּם סִיבָּה, אִיךְ קֶען עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט שְׁרַייבְּן וִויפִיל זִי אִיז מִיךְ חוֹשֵׁד טָאג אִין נַאכְט, אַז אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין.

שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה, אוֹיבּ וִויל אִיךְ זָאגְן אַ תּוֹרָה אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה, וֶועט זִי אַלְץ חוֹזֵק מַאכְן פוּן מִיר אַז אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד אוּן עֶס מַאכְט נִישְׁט קַיין סֶענְס.

זִי ווִיל אִיךְ זָאל אִיר טְרָאגְן שַׁאפִּינְג מִיט אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס, וָואס אִיךְ טוּ זֵייעֶר גֶערְן, אָבֶּער זִי מַאכְט מִיךְ שְׁפִּירְן ווִי אַ גַארְבֶּעדְזְשׁ, וַוייל זִי גֵייט מִיט זֵיי אָבֶּער אִיךְ דַארְף זֵיי אַ גַאנְצְן צַייט נָאכְגֵיין, אוּן אוֹיבּ אִיךְ בֶּעט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן אִין דִי קַאר, שְׁרֵייט זִי אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אִיר נִישְׁט גֶעטְרֵיי.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַלֶעס וָואס דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער עֶס אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי מִיר, אוֹיבּ זָאג אִיךְ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז עֶפֶּעס שְׁטֶערְט מִיר, נֶעמְט זִי זִיךְ שְׁרֵייעֶן, אוּן אַסַאךְ מָאל בְּלָאזְט זִי פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין אַ צוּ, אוּן זִי הָאט מִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶעשְׁפַּארְט פוּן דִי דִירָה.

יֶעדֶעס מָאל וָואס זִי רֶעדְט אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן מִיט שְׁוֶועסְטֶערְס אָדֶער חַבֶרְ'טֶעס, רֶעדְט זִי זִיךְ אָפּ אוֹיף מִיר, מִיט זַאכְן וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אֱמֶת, אוּן זִי מַאכְט זִיךְ פַאר אַ רַחְמָנוּת; אַז אִיךְ פַּיינִיג אִיר אוּן אִיךְ גֶעבּ אִיר נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן אִיךְ הֶעלְף אִיר גָארְנִישְׁט, אוּן מֶען

הַאלְט מִיךְ פָאר זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְוָואס אִיךְ פַּיינִיג אִיר, וֶוען בֶּאֱמֶת טוּ אִיךְ אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אִיר צוּ הֶעלְפְן.

וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב אִיז מַיין הוֹיז מַמָּשׁ אַ גֵיהִנּוֹם, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן אִיז אַ גַאנְצֶע פְּרֶעשׁוּר, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר אַ גַאנְצְן טָאג טַעֲנוֹת אוּן שְׁרֵייעֶן.

זִי זָאגְט אַ גַאנְצְן צַייט אַז דִי דִירָה אִיז צוּ קְלֵיין אוּן מֶען דַארְף נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע דִירָה, אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין גֶענוּמֶען צוּ אִיבֶּער דְרַייסִיג דִירוֹת אָבֶּער קַיין אֵיינְס וִויל זִי נִישְׁט פַאר אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה.

יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיךְ לֶערְן וֶועט זִי טְרֶעפְן עֶפֶּעס פַארְוָואס מֶען טָאר עֶס נִישְׁט לֶערְנֶען, אוֹיבּ וִויל אִיךְ הֶערְן סַיי וֶועלְכֶע שִׁיעוּר פוּן סַיי וֶועם, וֶועט זִי זָאגְן אַז יֶענֶעם טָאר מֶען נִישְׁט הֶערְן.

אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעשְׁרִיבְּן אַ קְלֵיינֶע חֵלֶק פוּן דִי יִסּוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי אַדוּרְךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין עֶק צוּ דִי צָרוֹת, אִיךְ פִּיל וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז שְׁווַארְץ, אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס טְרֶעט מִיר צוּ מַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן סַיי וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ טוּישְׁן דִי מַצָּב.

אַ גְרוֹיסְן יִיַּשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן פוּן יֶעצְט אוּן פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגּוּלִים; קַשְׁיוֹת אוּן טַעֲנוֹת טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

שֵׁנִית, בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ; מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָואס הָאבְּן זֵייעֶר גֶעלִיטְן פוּן דִי וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ וַוייבּ וָואס הָאט אִים זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן,

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיא'ס ווייב פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי, צָיֵיר לֵיהּ בְּסוּדָרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלַהּ", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין ווייב הָאט לִיב, פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיךְ מְצַעֵר?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת אוּן צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי ווייב.

שְׁלִישִׁית, דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז זִי שְׁפֶּעט אוּן זִי טוּט דִיךְ וֵויי - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אָפְּקוּמֶען אַלֶע גֵיהִנוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי וֶועט נִישְׁט זֶען דִי פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם, ווייל עֶר הָאט שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען דִי גֵיהִנוֹם דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי; זִי הָאט אִים אוֹיסְגֶעזוֹיגְן זַיין בְּלוּט, זִי הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְשֶׁעפֶּען, שְׁרֵייעֶן, אַוֶועק מַאכְן אוּן וָואס נִישְׁט, טָאג אוּן נַאכְט הָאט זִי גֶעשְׁפֶּעט. אֵיין טָאג אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְרָאכְן בַּיי זִיךְ, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר קֶען מֶער נִישְׁט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט, אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין אֵיינֶער אַלֵיין.

עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע גֵיהִנוֹם אוּן עֶר זֶעט וִוי דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים פַּיינִיגְן זִיךְ, דָארְט הֶערְט מֶען קוֹלוֹת, עֶס טוּט זִיךְ אַ גֶעשְׁרֵיי. דֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן זָאגְט אִים: "זוּשָׁא דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ

הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע וַוייבּ און אָרֶעמְקֵייט, דָאס אִיז שׁוֹין גֶענוּג; פַאר דִיר אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אַ פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן וָואס (יְשַׁעְיָה סד, ג) 'עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ'.

וֶוען רֶבִּי זוּשָׁא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל מַיין וַוייבּ מִיר גֶעבְּן וִויפִיל בִּזְיוֹנוֹת עֶס גֵייט, זָאל מִיר אַלֶעס גֵיין שְׁוֶוער - פָּארְט ווִיל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן מִיט דִי צַעַר פוּן גֵיהִנוֹם'; דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש און עַד הַיוֹם לֶעבּ אִיךְ מִיט דִי מַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת טִישׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דְחַנוּכָּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט מְחַיֶ׳ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן מִיט דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע שֵׂכֶל, זֵייעֶר וֶועג אִין לֶעבְּן - פוּן דִי בְּרִיוו; דַארְפְסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָ׳ וָואס דוּ הָאסְט, אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן אוֹיף דִיר.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מַאכְן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער; דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת טִישׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער, מֶען לֵיינְט פָאר הוֹיךְ דִי מַעֲשֶׂה אוֹיפְן קוֹל בַּיי דִי סְעוּדָה, סֵיי בַּיינַאכְט, סֵיי בַּייטָאג, אוּן מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס בְּרֶענְגְט אַן עֹנֶג שַׁבָּת.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

אוֹי וֵויי עֶס אִיז אַ בֶּער... אוֹי וֵויי וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ אַ נֵס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ...״

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁפַּאצִירְן אִין וַואלְד, מִיר זֶעעֶן אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ אוּן מִיר מֵיינֶען דָאס אִיז אַ שְׁוַוארְצֶע זֶעקְל,

און פְּלוּצְלוּנְג גֶעבְּט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע בֶּער אַ צִי אוֹיס, וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן?

הֶערְט אַן אֱמֶת'עֶ גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ מֵיידְל. זִי אִיז גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ בֵּית פֵיגָא, זִי שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, זִי גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער און זִי טוּט זִיךְ אָן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵייט זִי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זִי זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ, זִי טְרַאכְט 'דָאס אִיז מִן הַסְתָּם אַ שְׁוַוארְצֶע מִיסְט זֶעקְל', זִי שְׁפַּאצִירְט נֶענְטֶער און נֶענְטֶער, זִי שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ", זִי בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיךְ זָאל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן".

פְּלוּצְלוּנְג... אַ בֶּער... עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוַוארְצֶע זֶעקְל, עֶס אִיז אַ שְׁוַוארְצֶע בֶּער... דִי בֶּער הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אִין דִי לוּפְט... דִי מֵיידְל שְׁטֵייט צְוֵויי פִּיס אָפְּגֶערוּקְט פוּן דִי בֶּער, זִי פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, זִי גֶעדֶענְקְט אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, זִי גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט.

זִי לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן אַ בַּעַל חַי, וַוייל דָאס מַאכְט דִי בַּעַל חַי זָאל זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן און אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לוֹיפְן. זִי גֶעדֶענְקְט פוּן רֶבִּי'ן, זִי גֶעדֶענְקְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִי הוֹיבְּט אָן בֶּעטְן הוֹיךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּנֶעם בֶּער", זִי הוֹיבְּט אָן צוּרִיק גֵיין שְׁטַייטְלֶעךְ און זִי בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס בִּיסְטוּ"; דִי בֶּער הֶערְט וִוי זִי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי בֶּער הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אִיר, עֶר רִירְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר לָאזְט אִיר צוּרִיק גֵיין.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי אֱמוּנָה ווערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ בֶּער שְׁטֵייט מִיט דִי פָּאדֶערְשְׁטֶע פִּיס אִין דִי הֵייעֶךְ אַנְטְקֶעגְן אַ מֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין אוּן אַרֵיינְקוּמֶען אִין שְׁטָאט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן סֶענֶעטָאר ... צוּ שְׁתַּדְלְ׳ן לְטוֹבַת מוֹסְדוֹתֵינוּ.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן אוֹיפְטְרֶעטְן בַּיי דִי פָּאבְּלִיק הֶערִינְג מֶען זָאל אוּנְז לָאזְן בּוֹיעֶן אַ חֶדֶר, דִי זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן לְטוֹבַת הַכְּלַל צוּ הֶעלְפְן תּוֹרָה, הֶעלְפְן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה - אִיז אַ נִצְחִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת, לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

## פַארְלַאנְג דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִי תַּלְמִידוֹת ׳בֵּית פֵיגָא׳

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר ווִילְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען זוּמֶער אִין בֵּית פֵיגָא הֶעלְפְן דִי קֶעמְפּ אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידוֹת אֱמוּנָה, קְדוּשָּׁה אוּן צְנִיעוּת מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִידּוֹת טוֹבוֹת, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן רֶבִּי׳ן. אִיר זָאגְט אִיר ווִילְט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן

אִין בֵּית פֵיגָא, אִיר זֶענְט מַכִּיר טוֹבָה, אִיר ווִילְט בַּאצָאלְן פַאר דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דָא בַּיים רֶבִּי״ן.

שְׁמוּעֶסְט מִיט דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳, אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן דִי פְּלֶענֶער פַאר זוּמֶער הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה אוֹיךְ מִיט דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען אַרְבֶּעטְן פַארְן רֶבִּי״ן, אָנְפִילְן דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט תַּכְלִית פַארְן לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעמַאכְט שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת מִיט זֵייעֶר כִּתָּה וַוייל זֵיי פִירְן זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף גֶענוּג עֶרְוַואקְסְן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז דִי טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען נִישְׁט דָא זֵיי צוּ מַאכְן שְׁלֶעכְט, דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ מַאכְן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת נָאר פַאר דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת.

נִישְׁט אַז מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן זֵיי, אַלֶע תַּלְמִידוֹת זֶענֶען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אוּן וואוּיל, אָבֶּער אַז אַ טִיטְשֶׁער דַארְף יֶעדֶע שִׁיעוּר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן שְׁטִיל מַאכְן, אוּן זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט" - אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת אוּן זִיךְ קְרִיגְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

אוֹיךְ וֶועגְן דִי יָאר זוּמֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט זִיכֶער וָואס צוּ טוּן מִיט זֵיי; קֶען זַיין דִי יָאר וֶועט זַיין בֵּית פֵיגָא נָאר פַאר דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת, אוּן ווִי לַאנְג זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס אִיז דִי מַטָּרָה פוּן קוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא, זֵיי שְׁפִּירְן ווִי זֵיי קוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי לֶערֶערִינְס, אוּן ווִי מֶען קֶען לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן - אִיז אַ שָׁאד אוּנְזֶער צַייט.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ; אַ לוֹיזֶע ווִירְטְשַׁאפְט אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; פַארְלַאנְגְט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי ווִי אָנְהוֹיבּ יָאר.

אֵיידֶער אִיר גֵייט אַרַיין אִין קְלַאס זָאלְט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן פַּאר יֶעדֶע קִינְד זֵיי זָאלְן אַלֶע מַצְלִיחַ זַיין, אִיר זָאלְט זֵיי אַלֶע לִיבּ הָאבְּן.

אַז מֶען טוּט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּיי דִי אֵייגֶעֶנֶע קִינְדֶער נַחַת אוּן גְלִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֶלֶת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

בְּנוֹגֵעַ פְלֵייש פַאר דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן בֵּית פֵּיגָא וְכוּ'; מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ - נָאר פְלֵייש פוּן קְהִלּוֹת סַאטְמֶער. פְּרִיוַואט זָאל יֶעדֶער פְרֶעגְן זֵייעֶר רָב, זֵייעֶר דַיָין, אָבֶער אִין דִי מוֹסָד אִיז נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל צוּ גֶעבְּן פְלֵייש נָאר פוּן קְהִלּוֹת סַאטְמֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען - זָאל מֶען גֶעבְּן פִישׁ מִיט אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן.

דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֶלֶת אִיז 'הַאלְטְן קָאפּ אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תַּלְמִידָה אַלֶע זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער תַּלְמִידָה זָאל שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז דִי בַּאלִיבְּסְטֶע תַּלְמִידָה'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הוֹיזְן פַּאר מֵיידְלֶעךְ אִיז פְּרִיצוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן הָרַב ... שְׁלִיטָ"א, יַבְנְאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל וֶוען דִי קִינְדֶער מַאכְן אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג אִיז

דָאס אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נָאר פַּאר דִי מַאמֶעס, נִישְׁטָא קַיין טַאטֶעס וָואס קוּמֶען דָאס זֶען, אֲפִילוּ וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן בֵּית פֵּיגָא סְקוּל מַאכְן אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג, קִינְדֶער פוּן דְרֵיי יָאר - קוּמֶען נִישְׁט קַיין טַאטֶעס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר מַאכְן אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג קוּמֶען נִישְׁט דִי מַאמֶעס, מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם.

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְלֶעךְ, אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן אָנְטוּן הוֹיזְן בַּיים מַאכְן אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג; בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט אָנְצוּטוּן הוֹיזְן, אֲפִילוּ בַּיי אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג. אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן חֲזוֹן אִישׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (סֵפֶר חוּט שָׁנִי הִלְכוֹת שַׁבָּת חֵלֶק ב, עָמוּד שיד), אַז פּוּרִים זָאל מֶען אוֹיךְ מַקְפִּיד זַיין - אֲפִילוּ בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער - אוֹיף לֹא יִלְבַּשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוּן מַחֲלֹקֶת לַיידְן אַלֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחֲלֹקֶת, וַוייל פוּן מַחֲלֹקֶת לַיידְן אַלֶע; מַחֲלֹקֶת נֶעמְט אַוֶועק פַּרְנָסָה, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן מַחֲלֹקֶת.

קוּקְט אוֹיף אַייעֶר שְׁוֶועגֶערִין מִיט אַ גוּט אוֹיג, אוּן אוֹיבּ זִי אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ ווִי אִיר לֵייגְט אִיר אַרָאפּ אִינֶעם בְּרִיוו - זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט רַחְמָנוּת; מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק וֶוען זִי רֶעדְט צוּ אַייךְ ווִי אַזוֹי זִי זָאגְט אַייךְ וְכוּ׳.

אִיךְ וֵוייס אַ מַעֲשֶׂה, צְוֵויי מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְרִיגְט מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַיינְטְשַׁאפְט, בִּיז בֵּיידֶע הָאבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זֵיי גֵייעֶן זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן, קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אַנְדֶערֶער

פְּלַאנְט אוֹיךְ זִיךְ אַוֶועקְצוּצִיעֶן; מַה עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעקוֹיפְט הַייזֶער אִין אַ צְוֵוייטֶע גֶעגְנְט אֵיינֶער נֶעבְּן דֶעם צְווֵייטְן, אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ דָארְט וַוייטֶער.

אַז זִי הָאט גֶעקוֹיפְט אַ דִירָה פִּינְקְט אַנְטְקֶעגְן אַייךְ אוּן אִיר שְׁפִּירְט וִוי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ - זָאלְט אִיר אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֶענֶען דֶערְלַיידְן דִי שְׁוֶועגֶערִין אוּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין מִיט יֶעדְן בְּשָׁלוֹם, קוּקְט אוֹיף אִיר מִיט רַחְמָנוּת, אוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן סַבְלָנוּת וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְלַייטֶערְן, בִּיז עֶס וֶועט אַייךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען שַׁבָּת קוּמְט דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם, צוּ זַיין גַאנְץ שַׁבָּת פְרֵיילִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז), אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן אָדֶער זַיין בְּכַעַס.

דֶער חִידָ"א זָאגְט (עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ), עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אוּן עֶר מַאכְט עֶס זָאל וֶוערְן אַ מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַּארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; וַוייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם - דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר בְּפֶה מָלֵא: "זַיי מִיר מוֹחֵל"; זָאג עֶס מִיט הַארְץ, נִישְׁט אוּנְטֶער דִי נָאז. זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן וֶועגְן אַבִּיסְל גַּאֲוָה, שׁוֹין גֶענוּג גֶעלִיטְן פוּן דִי

פַארְשְׁטוּנְקֶענֶע גַּאֲוָה, פוּן נִישְׁט פַּאסְטְן צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן, פוּן נִישְׁט פַּאסְטְן צוּ רֶעדְן שֵׁיין וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף רֶעדְן, בֶּעט אִיר אִיבֶּער אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, פִיר זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן וְכוּ׳ - דָאס אִיז נִישְׁט דִי תּוֹרָה וֶועג, נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען - דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, בַּיים רֶבִּי׳ן הֶערְן מִיר הֵיילִיגֶע לִימוּדִים, מֶען זָאל יָא לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְט נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דְרֵיי הַנְהָגוֹת צוּ טוּן אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי״ם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פַּאסְטְן נִישְׁט שׁוֹבָבִי״ם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פַּאסְטְן.

מִיר זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי טֶעג אִין זָאגְן תְּהִלִּים, אוֹיךְ אִיז דָא בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פִירְן זִיךְ אִין דִי שׁוֹבָבִי״ם וָואכְן אֵיין טָאג אִין וָואךְ נִישְׁט צוּ עֶסְן אַן עֶסְן פוּן אַ בַּאשֶׁעפֶענִיש נָאר עֶסְן וָואס וַואקְסְט; קַאוֶוע אָן מִילְךְ, אוּן גְרִינְצֵייג מִיט פְּרוּכְט.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ מִנְהָג בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ אוֹיסְלֵייזְן דִי פ״ד תַּעֲנִיתִים מִיט צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל זָאגְט מֶען דַארְף פַּאסְטְן אוֹיף יֶעדֶע חֵטְא פִיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים, אָבֶּער מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַּאסְטְן, דֶער רֶבִּי לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַּאסְטְן, מִיר פַּאסְטְן נָאר דִי תַּעֲנִיתִים וָואס דִי תּוֹרָה אוּן דִי חֲכָמִים זָאגְן;

יוֹם כִּפּוּרִים, אוּן אוֹיךְ דִי תַּעֲנִיתִים מִדְּרַבָּנָן: עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, י״ז תַּמּוּז, ט׳ בְּאָב, צוֹם גְּדַלְיָ׳ אוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר; מִמֵּילָא לֵייזְט מֶען אוֹיס דִי פ״ד תַּעֲנִיתִים מִיט פ״ד פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, מֶען גֶעבְּט יֶעדְן טָאג - אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבְבִי״ם - פ״ד פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה; עֶס זֶענֶען דָא וָואס גֶעבְּן פ״ד שֶׁקֶל, פ״ד דָאלֶער וְכוּ׳ - אָבֶּער לֹא פָּחוֹת פוּן פ״ד פְּרוּטוֹת.

דִי דְרֵיי הַנְהָגוֹת קֶענְסְטוּ טוּן; זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן אוֹיבּ אִיז גְרִינְג אֵיין טָאג נִישְׁט צוּ עֶסְן אַ דָבָר הַיּוֹצֵא מִן הַחַי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ פַארְלֵייגְן דַוְקָא אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אִין קָאפּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן אִיר טְרַאכְט פוּן אַ גֶעוִויסֶער בָּחוּר; וָואס וֵוייסְט אִיר וֶוער עֶס אִיז גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער אִיז גוּט - וָואס וֵוייסְט אִיר אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אַייךְ? עֶס קֶען אַייךְ שָׁאטְן שְׁפֶּעטֶער.

אוֹיבּ אִיר קוּמְט צוּ דִי בָּאטֶע אוּן צוּ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת נָאר צוּ קוּקְן אוֹיף בָּחוּרִים - זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל צוּ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן צוּ דִי בָּאטֶע צוּ זוּכְן וְוִי מֶען קֶען זֶען בָּחוּרִים, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט קוֹנֶה זַיין; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיר הָאט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, זֵיי וֶועלְן זָארְגְן פַאר אַייךְ פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיר אַלֵיין זָאלְט נִישְׁט נָאכְקוּקְן קֵיינֶעם, גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועג.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶרֶע

בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט – וֶוען זֵיי בֶּעטְן הִילְף מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

גֵייט יֶעדְן טָאג אַרוֹיס אִין חָצֵר בַּיי אַייעֶר שְׁטוּבּ פַּאר אֵיין מִינוּט, אוּן קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, בֶּעטְס: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; מִי יִתֵּן אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַ יוֹם – זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל

זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת - וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָדֶער אִין אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, זַיי מְקַיֵּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "עִקַּר הַתְּשׁוּבָה שֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז נִישְׁט גֶעלָאזְט פַאסְטְן, מִיר פַאסְטְן נָאר דִי תַּעֲנִיתִים וָואס שְׁטֵייעֶן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָבֶער אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג פַאסְטְן מִיר נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, דָאס אִיז אוּנְזֶער פַאסְטְן, דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן.

שְׁוַוייג אָפּ וֶוען מֶען טוּט דִיר וֵויי, בְּעִיקָּר זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן אִין שְׁטוּבּ; אַז דַיין וַוייבּ זִידְלְט דִיךְ אָפּ, זִי טוּט דִיר וֵויי - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן, הֶער

אוֹיס און זָאג: "זַיי מִיר מוֹחֵל", און הָאבּ איר וַוייטֶער לִיבּ; וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען וִויל הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּב, מוּז מֶען גֵיין אִין שׁוּל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעדֶענְקְסְט פַארְיָאר ווִינְטֶער וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין לוּפְט-פֶעלְד, הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט; אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אִין שׁוּל - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, יֶעצְט הַאלְסְטוּ שׁוֹין נָאךְ דִי חֲתוּנָה און נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶע, וְוִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן דִי גֶעשֶׁעפְט און וַוייטֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, און אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ דַאוֶוענֶען דַוְקָא אִין שׁוּל, נִישְׁט אִין אָפִּיס און נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ.

אַז מֶען וְוִיל הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ - מוּז מֶען גֵיין אִין שׁוּל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, הִלֵּל הַזָּקֵן פְלֶעגְט זָאגְן (סוּכָּה נג.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִם תָּבֹא אֶל בֵּיתִי", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִין שׁוּל, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - "אֲנִי אָבֹא אֶל בֵּיתְךָ", וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ און דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה און נַחַת, "אִם אַתָּה לֹא תָבֹא אֶל בֵּיתִי", און אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, אִין שׁוּל - "אֲנִי לֹא אָבֹא אֶל בֵּיתְךָ", וֶועל אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז מֶען וְוִיל אַ גֶעבּוֹיטֶע שְׁטוּבּ מוּז מֶען גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל.

קוּם אִין שׁוּל, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

אַ גֶעשֶׁעפְט אִיז אַ גֶעשֶׁעפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט; אַ פְרוֹי דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, זִי מֶעג אַרְבֶּעטְן אָבֶּער זִי דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן; זָאל דִיר עֶס נִישְׁט אָנְגֵיין.

בְּלַייבּ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ אִינְדֶערְפְרִי אִיר וֶועקְן פַאר שָׁעוֹת לַאנְג, גֵיי אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן גֵיי אַרְבֶּעטְן, אוּן אַז זִי בֶּעט דִיר הִילְף אוֹיפְצוּשְׁטֵיין, זִי בֶּעט דוּ זָאלְסְט אִיר וֶועקְן - זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיפְוֶועקְן, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיסְדְרֵייעֶן דַיין סֵדֶר הַיּוֹם.

דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר, שְׁפַּאצִירְן אִיז גֶעזוּנְט פַארְן גוּף אוּן נָאךְ מֶער פַארְן נֶפֶשׁ; בַּיים שְׁפַּאצִירְן זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן, זָאג אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי ווִי אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט פַאר חַוָּה (בְּרֵאשִׁית ב, כג): "לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה", זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית מט:) אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט פַאר חַוָּה: "דָּא הִיא דְּלָא יִשְׁתַּכַּח כַּוָּותָהּ, דָּא הִיא יְקָרָא דְּבֵיתָא, כֻּלְּהוֹן נָשִׁין גַּבָּהּ כְּקוֹפָא בִּפְנֵי בְּנֵי נָשָׁא", דוּ בִּיסְט אַ וַוייבּ, אַלֶע אַנְדֶערֶע זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, נָאר דוּ בִּיסְט שֵׁיין אוּן טֵייעֶר.

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; דַארְפְּסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, זָאג דִי וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט נִישְׁט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, בַּאצָאל שְׂכַר לִימוּד, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט נִישְׁט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, מֶען מוּז צָאלְן שְׂכַר לִימוּד; גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער אִין אָפִיס אָדֶער טוּ עֶס דוּרְךְ אָנְרוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אוּן צָאל אָפּ דַיין גַאנְצֶע בַּאלַאנְס.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט הָאבְרֵךְ יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְנַהֵל פוּן אוּנְזֶער מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר זָאגְט מִיר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צָאלְן אַלֶע עֶלְטֶערְן שְׂכַר לִימוּד, אֵין גַּם אֶחָד וָואס זָאל נִישְׁט צָאלְן; אִיז פַארְוָואס אִין חוּץ לָאָרֶץ אִיז נִישְׁט אַזוֹי? מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן שְׂכַר לִימוּד! בַּאשֶׁעפֶער אִין הִימְל, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע?

עֶס אִיז נִישְׁט וָואר אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, זָאג נִישְׁט פַאר דִי סֶעקְרֶעטֶערִי ׳אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט׳, זָאג, אִיךְ לַאךְ מִיךְ אוֹיס פוּן דִי מוֹסָד, ווַייל דָאס אִיז דֶער אֱמֶת; וְהָא רַאְיָ׳, אוֹיף וָואס מֶען מוּז הָאבְּן, פַאר וָואס מֶען מוּז צָאלְן - הָאט מֶען, נָאר דִי מוֹסָד אִיז אַ ווִיץ, דִי תּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער אִיז אַ וֶוערְטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ פְרוֹי דַארְף נָאר אַז אִיר מַאן זָאל רֶעדְן שַׁיין, אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט דָאס אַרוֹיסְגֵיין עֶסְן אִין טֵייעֶרֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ׳, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שַׁיין, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זוּכְן דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, יז): "טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה שָׁם מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה בוֹ", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ עֶסְן אַבִּיסְל גְרִינְצֵייג - אַן אָרֶעמֶע מָאלְצַייט - וֶוען עֶס אִיז דָא לִיבְשַׁאפְט דָארְט - וִוי שְׁטִיקֶער פְלֵייש אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט.

דַיין וַוייבּ דַארְף נִישְׁט זָאלְסְט אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען וְכַדוֹמֶה, אַ פְרוֹי דַארְף אֵיין זַאךְ, אַז אִיר מַאן זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כ:): "רוֹצָה אִשָּׁה בְּקַב וְתִפְלוּת", אַ פְרוֹי וִויל עֶנְדֶערְשׁ וֵוייניג עֶסְן אוּן זַיין נָאנְט מִיט אִיר מַאן, "מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת", וִוי אֵיידֶער אַסַאךְ עֶסְן אוּן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט.

נֶעם אַרָאפּ פוּן דַיין טֶעלֶעפָאן אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט פַּאר דִי בִּיזְנֶעס; גֵיי אַהֵיים נָאכְן אַרְבֶּעטְן אוּן לֶעבּ מִיט דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר - וֶועסְטוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, שְׁוֶוערֶע תִּיקוּנִים אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ זוּכְסְט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, שְׁוֶוערֶע תִּיקוּנִים אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, וַוייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן - וִוי זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אוּן מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר מַאכְט אַ וַואךְ נַאכְט מָארְגְן נַאכְט אִין שְׁטֶעטְל, וֶועט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֶועל דֶעם שַׁבָּת זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶענְסְט אַזוֹיפִיל קוֹנֶה זַיין אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי״ם, כ״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס דוּ פָארְסְט נִישְׁט קַיין יְרוּשָׁלַיִם זַיין אִין יְשִׁיבָה, דוּ וֶועסְט אַזוֹיפִיל קוֹנֶה זַיין דָארְט; דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל הָאט אַזוֹיפִיל דִיר צוּ גֶעבְּן, אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס דוּ גֵייסְט נִישְׁט.

קוּם אִין יְשִׁיבָה אוּן הֶער זִיךְ צוּ צוּם מַגִּיד שִׁיעוּר, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ שְׁנֶעל טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיפְן אָרֶעמַאן, נֶעם דִי צְדָקָה גֶעלְט פוּן אִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז אֵיינֶער וויל דִיר גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד - זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן נֶעמֶען דִי צְדָקָה, אוּן אַז יֶענֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן דָאךְ קוּמְט עֶר בְּרֶענְגֶען זַיין צְדָקָה - זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן נֶעמֶען פוּן אִים דִי צְדָקָה.

רַחְמָנוּת זָאלְסְטוּ הָאבְּן אוֹיף דִי וָואס לֵייגְן זִיךְ אַוֶועק גֶעלְט, פַּאקְן

פֶּעקְלֶעךְ גֶעלְט אוּן אִינְוֶועסְטִירְן עֶס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיף זֵיי זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן; אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט זַיין צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד וָואס לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַ מוֹסָד וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט הֵיילִיגְקֵייט עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ - אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת; זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן נֶעמֶען פוּן אִים דָאס גֶעלְט - וֶועט עֶפֶּעס בְּלַייבְּן פוּן יֶענֶעם.

דוּ וֵוייסְט אַוַודַאי דִי מַעֲשֶׂה, רֶבִּי נָתָן הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען גֶעלְט צוּ בּוֹיעֶן דִי קְלוֹיז אִין אוּמַאן, אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט אוּן גֶעוָואלְט גֶעבְּן זַיין לֶעצְטֶע פְּרוּטָה; רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת, וִוי קֶען אִיךְ נֶעמֶען פוּן אִים?' הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין אוּן גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מַיין נְשָׁמָה; וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן מִיר, נָאר דִי צְדָקָה וָואס אִיךְ גֶעבּ פַארְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ"; רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר פוּן דֶעם אִיד, הָאט עֶר עֶס גֶענוּמֶען.

זָארְג נִישְׁט, קוּק וָואס פַאר אַ נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה. יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ יָאר אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט אַזוֹיפִיל וָואס צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דַיין נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט דִי יְשִׁיבָה, מִצַּד דִי בָּחוּרִים, אָדֶער מִצַּד הַמַּגִּיד שִׁיעוּר, אָדֶער אִיז דָאס

נָאר עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קנה): "וּמַה שֶּׁהָאָדָם אֵינוֹ נוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק, הוּא מֵחֲמַת עַצְבוּת וּכְבֵדוּת", דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט צוּם צַדִּיק אִיז וַוייל עֶר אִיז בְּעַצְבוּת; אָבֶער אוֹיבּ אִיז דָאס מִצַּד הַיְשִׁיבָה וְויל אִיךְ דָאס פַאְרֶערְכְטְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנַייעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס זָאל אִיךְ מְוַתֵּר זַיין, אֶפְשָׁר זָאל מַיין וַוייבּ מְוַתֵּר זַיין?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס קְרִיגְסְטוּ זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט? וָואס אִיז דִי שֵׂכֶל פוּן זִיךְ קְרִיגְן?! דוּ פַארְטְרַייבְּסְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶס קוּמְט עֲנִיּוּת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַלְץ זַיין דֶער וָואס אִיז מְוַתֵּר, זָאל זִי מְוַתֵּר זַיין; טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מְוַתֵּר זַיין אִיז נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ, מְוַתֵּר זַיין אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס, דֶער קְלוּגֶער אִיז מְוַתֵּר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "עָלוּב וְשֶׁאֵינוֹ עָלוּב", וֶוען צְווֵיי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ אוּן אֵיינֶער אִיז קְלוּג אוּן קֶען דֶערְהֵייבְּן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן דֶער אַנְדֶערֶע נִישְׁט, "מִי נִדְחֶה מִפְּנֵי מִי", וֶוער דַארְף נָאכְגֶעבְּן? אַוַדַאי דֶער וָואס קֶען מֶער פַארְנֶעמֶען; דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב) מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג מְוַתֵּר זַיין פַאר דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן, מֶען זָאל זֵיי נָאכְגֶעבְּן; וַוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אַז דוּ דַארְפְסְט אַלְץ מְוַתֵּר זַיין.

גֶעבּ נָאךְ אִין שְׁטוּבּ, זַיי אַ וַתְּרָן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן ו): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב לְמִי שֶׁאֵינוֹ כּוֹעֵס", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ

דֶער וָואס רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, "וּלְמִי שֶׁאֵינוֹ מַעֲמִיד עַל מִדּוֹתָיו", אוּן אוֹיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ דֶעם וָואס גֶעבְּט נָאךְ; פַּארְדֶעם אַלֵיין אִיז וֶוערְד נָאךְ צוּ גֶעבְּן, צוּ וֶוערְן בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט נָאכְגֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר נָאכְגֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן צח): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו", וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע זִינְד; וִויפִיל דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים... אוּן דָא הָאבְּן מִיר אַ וֶועג וִוי מִיר קֶענֶען אַלֶעס אָפְּוִוישְׁן; עֶס אִיז וֶוערְד צוּ שְׁוַוייגְן אִין שְׁטוּבּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

בִּזְכוּת דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט סוֹבֵל זַיין אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט מְוַותֵּר זַיין אִין שְׁטוּבּ - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנֶנעמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן כ): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ, וֶוערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הַדְרָכָה פַאר דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִ"ים, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ טַייעֶרֶע כַּלָּה פוּן אַ טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וואו צוּ לֶערְנֶען הַדְרָכָה פַאר דִי חֲתוּנָה; עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט זִיךְ וֶוענְדְן צוּ הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר זָאל דִיךְ מַדְרִיךְ זַיין מִיט דִי הֲלָכוֹת צוּ דַיין חֲתוּנָה; עֶר וֶועט

דִיךְ מַדְרִיךְ זַיין אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

גֵיי הֲפָצָה, פַארְגִין פַאר נָאךְ בָּחוּרִים אוּן נָאךְ אַבְרֵכִים דִי חַיִים טוֹבִים וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעדֶענְק וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, גֶעדֶענְק וָואס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל - עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר - טָפֵל, גֶעדֶענְק וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, גֶעדֶענְק וָואס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז; בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ: ׳רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵק נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים, בְּעֵת צָרָה הָאט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטֵיי וַוייט פוּן לֵצִים, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, אֲפִילוּ זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב; זוּךְ דִיר אוֹיף צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תְּמִימוּת׳דִיגֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים אוּן רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן דִי עֵצוֹת וָואס מִיר בַּאקוּמֶען.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג בִּקְבִיעוּת רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דְרֵיי מִינוּט; אַ מִינוּט דַאנְקֶען, אַ מִינוּט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַ מִינוּט בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף וֶועט זַיין הַיינְט דִי לֵיל שִׁשִׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ אַ שִׂמְחָה, מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה מַאכְט אַ וַואךְ נַאכְט אוּן מָארְגְן אַ בְּרִית; מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ; דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַעַת; בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ - דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן.

הֶער דִי שִׁיעוּרִים, לֶערְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לֶערְן דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בְּנַחַל, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים קוּמְט נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**... תִּחְיֶ', יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן אַז אַ זִיבְּן יֶערִיג מֵיידל זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז) תְּהִלִּים אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "לִי תְּהוֹם", צוּ מִיר וֶועט קוּמֶען וואוּנְדֶער; וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים קוּמְט נִיסִים.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים בְּיוֹם דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, וַוייל דָאס שְׁטַארְקְט זֵייעֶר דִי אֱמוּנָה.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵיי הֲפָּצָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָּצָה, דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין דִי בְּרִיוו אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְאָחִיד בִּידָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא

יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי״, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ״, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, עַיֵין שָׁם.

גֵיי וַוייטֶער הֲפָצָה, גֵיי מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, און זָארְג נִישְׁט וֶועגְן קִינְדֶער; וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען וְוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ מְסוּדָר׳דִיגֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי מִשְׁפָּחָה ... וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל און אַרַיינְגֶעשִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר און אִין בֵּית פֵּיגָא; אִיךְ הֶער אַז מֶען רוּפְט זֵיי נִישְׁט בַּיי דִי נֶעמֶען, מֶען רוּפְט זֵיי דִי גֵרִים; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי רוּפְן בַּיי זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן קַיין צְווִישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן זֵיי און אַנְדֶערֶע.

בְּנוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁטָא קַיין נַאכְטְמָאל; אִיז וִויכְטִיג צוּ מַאכְן אַן אֲסִיפַת הוֹרִים וּמוֹרִים, און דִי מְנַהֵל זָאל רֶעדְן פַאר אַלֶע טַאטֶעס, און אוֹיךְ רֶעדְן פְּרִיוַואט מִיט דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר.

בְּנוֹגֵעַ דִי מִשְׁפָּחָה ... וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען צֶערִיסְן און צֶעשְׁלִיסְן, אִיךְ הֶער אוֹיךְ פוּן דִי מְנַהֶלֶת אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זֵייעֶר נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג, עֶס זֶעט אוֹיס וְוי דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט וְוי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ; אִיז וִויכְטִיג אַז דֶער מְנַהֵל זָאל כַאפְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן טַאטְן און דִי מְנַהֶלֶת זָאל

אַרָאפְּרוּפְן דִי מַאמֶע, און רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי אִיבֶּער דִי זַאכְן וָואס מֶען זֶעט וָואס אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר און זֵיי הֶעלְפְן; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט גֶעטוּן נָאכְן קְרִיג מִיט דִי שְׁאֵרִית הַפְּלֵיטָה וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי א׳ ב׳ וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב, אִיז דִי רֶעבֶּעצִין אַרִיבֶּער אִין שְׁטִיבֶּער וַוייזְן וִוי מֶען בָּאדְט קִינְדֶער, וִוי מֶען הַאלְט אַ שְׁטוּב מְסוּדָּר, וִוי מֶען לֵייגְט צַאם וֶועשׁ וְכוּ׳; דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, זֶען וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען טָאר נִישְׁט נוּצְן דִי מוֹסָד פַאר אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אוּנְזֶער מוֹסְדוֹת, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אִיךְ ווִיל דֶערְמַאנֶען וָואס מִיר הָאבְן שׁוֹין גֶערֶעדְט, דִי אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד - קֶענֶען נִישְׁט נוּצְן דִי מוֹסָד פַאר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן, נְקָמָה נֶעמֶען אִין אַנְדֶערֶע, זִיךְ אָפְּרֶעכֶענֶען; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיב בִּיסְטוּ בְּרוֹגֶז אוֹיף אֵיינֶעם און יֶענֶער שִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד - טָארְסְטוּ נִישְׁט זִיךְ אָפְּרֶעכֶענֶען מִיט דִי קִינְדֶער אָדֶער מִיט דִי וַוייבּ מִיט נִישְׁט גֶעבְן עֶסְן וְכוּ׳.

אַ אִיד טָאר נִישְׁט טוּן נְקָמָה, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסֶער דֶעם וֶועל אִיךְ שְׁטֵיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג נִישְׁט צוּ הָאבְן אַרְבֶּעטֶער וָואס נוּצְן דִי מוֹסָד פַאר אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵּאר קִינְדְלֶער

## אָפְּשְׁוַויינְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת

"מְחוּצָף... ! שֵׁגֶץ... !"

"שַׁאא שַׁאא בְּלַייבּ שְׁטִיל, זָאג נִישְׁט גָארְנִישְׁט"; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן פוּן טְשֶׁערִין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט נָאךְ אֵיינֶעם אִין גַאס, אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעקוּמֶען אַ מְחוּצָף מִיט אַ פַּאפִּיר פַארְשְׁמִירְט מִיט שְׁמוּץ אוּן דָאס גֶעוָוארְפְן אוֹיפְן טְשֶׁערִינֶער רָב, דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן עֶס אִיז פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן. עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אָבֶער דֶער אִיד וָואס הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם רָב הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "מְחוּצָף... ! שֵׁגֶץ... !"

דֶער רָב זָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "שַׁאא שַׁאא, שְׁוַויג; דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען זָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט"; עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁטוּב, זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט



שְׁוַוייג, עֶנְטְפֶער נִישְׁט צוּרִיק

דֶעם אִיד וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת, אַזוֹי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דִיךְ וָואס טוּסְטוּ? לָאמִיר טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז; נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר אָפְּשְׁוַוייגְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

איף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
## יואל רוטה
שליט"א



היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718·387·2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com